פרשת אח"ק
תש"פ

גליון עוללות הכרם

א אוצר פון דברי תורה און דערציילונגען פון צדיקים

שנה ה' - גליון רל"א

מכון כרם בית שמואל אלכסנדר

יו"ל בס"ד ע"י
מכון כרם בית שמואל
שע"י חסידי אלכסנדר
בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א


## מכרם רבותינו

פון אונזער הייליגער ווייננאָרטען

### בְּזֹאת יָבֹא אַהֲרֹן אֶל הַקֹּדֶשׁ

#### השראת השכינה דורך הכנעה און ענוה

פרשת אחרי הייבט זיך אָן מיט די ווערטער "וַיְדַבֵּר ה' אֶל מֹשֶׁה" אַחֲרֵי מוֹת שְׁנֵי בְּנֵי אַהֲרֹן... אז השי"ת האט גערעדט צו משה, אבער עס שטייט נישט 'וואס' דער אייבישטער האט געזאגט דעמאלטס פאר משה רבינו נאכדעם וואס די צוויי זוהן פון אהרן הכהן זענען נפטר געווארן. און באלד דערנאך אין פסוק ב' הייבט זיך אָן פון פריש א דיבור פונעם אייבישטער צו משה רבינו, ווי עס שטייט "וַיֹּאמֶר ה' אֶל מֹשֶׁה דַּבֵּר אֶל אַהֲרֹן אָחִיךָ"... און לכאורה דארף מען פארשטיין וואס האט דא דער אייבישטער געזאגט, און אויב דער דיבור פון פסוק ב' דאס איז די ווערטער וואס דער אייבישטער האט דעמאלטס גערעדט צו משה, אויב אזוי וואלט דאס געדארפט קומען בלויז אלס א המשך צו דעם פריערדיגן פסוק "דַּבֵּר אֶל אַהֲרֹן אָחִיךָ" אָן א נייע הקדמה פון ויאמר ה' אל משה.

מרן דער **תפארת שמואל זי"ע** איז מסביר בדרך העבודה, ווי באקאנט פון חז"ל איז די עיקר עבודה פון א איד זיך צו האלטן קליין מיט ענוה און הכנעה פארן אייבישטער, און ווי מיר זעהן אז דער אייבישטער האט איבערגעלאזט אלע גרויסע בערג ביי מתן תורה, און אויסגעוועלט דוקא דער בארג סיני ווייל עס האט זיך געהאלטן קליין, און אזוי אויך רוהט די שכינה נאר ביי איינער וואס האלט זיך קליין.

און מיר ווייסן אז משה רבינו איז געווען דער גרעסטער עניו ביי כלל ישראל, ווי די תורה הקדושה זאגט עדות אויף איהם "וְהָאִישׁ מֹשֶׁה עָנָיו מְאֹד מִכֹּל הָאָדָם... עַל פְּנֵי הָאֲדָמָה". און כאטש זיין גרויסע מדריגה אין עניוות, דא ווען די צוויי קינדער פון אהרן זענען נפטר געווארן, איז משה רבינו געווארן מער צובראכן און קליין ביי זיך, און עס האט זיך פארמערט ביי איהם די מידה פון ענוה. און ווי מיר געפונען אין די ווערטער פון משה רבינו (פרשת שמיני) "הוּא אֲשֶׁר דִּבֶּר ה' לֵאמֹר בִּקְרֹבַי אֶקָּדֵשׁ" און ווי **רש"י** ערקלערט דארט, האט משה רבינו געזאגט פאר אהרן אז קודם האט ער געמיינט אז דער אייבישטער וועט הייליגן זיין נאמען דורך צונעמען משה אדער אהרן, אבער יעצט אז נדב און אביהוא זענען נפטר געווארן, זעה איך פון דעם -האט משה געזאגט- אז זיי זענען געווען נאך גרעסער און הייליגער פון אונז. זעהן מיר פון דעם אז משה רבינו איז צוגעקומען צו א העכערע דַּרְגָּא פון עֲנִיווּת נאך די מיתת שני בני אהרן. און דעריבער הייבט אָן די תורה קודם מיט די ווערטער "וַיְדַבֵּר ה' אֶל מֹשֶׁה אַחֲרֵי מוֹת שְׁנֵי בְּנֵי אַהֲרֹן" אז משה רבינו האט זוכה געווען צו א פרישע השראת השכינה, אז דער אייבישטער איז כביכול געקומען רוען ביי איהם נאכדעם וואס ער האט זיך געשטארקט אין די מידה פון ענוה נאך די מות שני בני אהרן.

און דערנאך איז די תורה ממשיך "וַיֹּאמֶר ה' אֶל מֹשֶׁה, דַּבֵּר אֶל אַהֲרֹן אָחִיךָ" דער אייבישטער האט געזאגט פאר משה רבינו, רעד צו דיין ברודער אהרן און געב איהם איבער די עצה, דערצייל איהם אז דורך הכנעה און ענוה קען מען צוקומען מער און מער צו השראת השכינה, אז ער זאל אויך וויסן דערפון אז "בְּזֹאת" מיט די עצה פון צובראכנקייט און ענוה "יָבֹא אַהֲרֹן אֶל הַקֹּדֶשׁ" וועט אויך אהרן זוכה זיין צו ווערן כביכול ווי א שטוהל פאר די שכינה הק' און זוכה זיין צו ווערן דבוק אין די קדושה.

(עפ"י ספה"ק תפארת שמואל אות א')

### דַּבֵּר אֶל כָּל עֲדַת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל... קְדֹשִׁים תִּהְיוּ

#### ווען מ'איז צווישן מענטשן

**רש"י הק'** זאגט אויף די פרשה פון קדושים תהיו "פרשה זו נאמרה בהקהל" אז די פרשה איז געזאגט געווארן ווען אלע אידן זענען געווען פארזאמלט אינאיינעם. מרן דער **ישמח ישראל זי"ע** איז מסביר די כוונה, ווייל טאקע דעמאלטס ווען מ'געפונט זיך ברבים צוזאמען מיט אנדערע מענטשן, דעמאלטס איז וויכטיג זיך צו הייליגן און זיך אפצוהיטן פון לשון הרע, גיאות, מחשבות פון כבוד, און פְּנִיּוֹת, בשעת מ'איז מקיים א מצוה. און דעפאר איז געגעבן געווארן די מצוה פון "קדושים תהיו" דוקא בהקהל ווען מ'געפונט זיך מיט'ן רבים.

(ספה"ק ישמח ישראל ז')




### וואס איז די עצה צו בלייבן שטארק

**רש"י** ברענגט אז משה רבינו האט געדארפט צוזאמנעמען אלע אידן ווען ער האט זיי געלאזט הערן די פרשה פון קדושים, וויבאלד גאר אסאך הויפט מצוות פון די תורה זענען געוואנדן אין די ווערטער פון די פרשה - "פרשה זו נאמרה בהקהל מפני שרוב גופי תורה תלויין בה". און די פרשה הייבט זיך טאקע אָן מיט די מצוה פון "קדושים תהיו" וואס דאס מיינט זיין הייליג, און זיך אפשיידן פון עריות און פון אנדערע עבירות, ווי רש"י איז מסביר.

פארוואס טאקע האט דַוְקא די פרשה געדארפט געגעבן ווערן 'בהקהל' ווען אלע אידן זענען געווען פארזאמלט אינאיינעם, און וואס איז די תועלת דערפון. ערקלערט מרן דער **תפארת שמואל זי"ע** א דבר נפלא, וויבאלד מיר געפונען די געוואלדיגע כוח פון כלל ישראל ווען זיי זענען אלע צוזאמגענומען און באַהאָפטן אינאיינעם, דעמאלטס זענען זיי דָבוּק צום אייבישטער און זיי וועלן נישט מקבל זיין קיין טומאה. פארקערט איז אבער ווען אידישע קינדער זענען נישט צוזאמען, נאר טייל אידן האלטן זיך אפגעריסן און אפגעזונדערט פון כלל ישראל און גייען זיך אין אייגענע וועגן, דאס וועט צוברענגן און גורם זיין אז זיי זאלן אריינפאלן אינעם נעץ פונעם יצר הרע און 'מקבל טומאה' זיין ח"ו.

און דער תפארת שמואל לייגט צו: **אזויווי אונזערע אויגן האבן אליין געזען ביי די אלע מענטשן וואס זענען שוואך געווארן און נאכגעלאזט אין זייער אידישקייט רח"ל, די ערשטע זאך האט זיך עס אנגעהויבן מיט דעם וואס זיי האבן זיך אפגעטיילט און אפגעזונדערט פון כלל ישראל, און זיי האבן אָפּגעלאַכט פון אידישע מנהגים און אָפּגעלאַכט פון דעם וואס מיר אידן נעמען זיך צוזאם און האלטן זיך אינאיינעם, ביז דאס האט זיי געברענגט אז זיי זאלן זיך דערקייקלען און פארלירן זייער אמונה און זיך אינגאנצן דערווייטערן ח"ו...** מה שאין כן דער וואס האלט זיך יא צוזאמען און איז באהאפטן צו כלל ישראל (ער טוט וואס אלע אידן טוען) דער בלייבט שטארק, וויבאלד כלל ישראל לאזט איהם נישט פאלן.

און דעריבער דא ביי די פרשה ווי דער אייבישטער האט געוואלט געבן פאר די אידן די מצוה פון "קדושים תהיו" אז אידן זאלן זיין הייליג און זיך דערווייטערן פון עריות און עבירות, האט דאס געדארפט געגעבן ווערן דוקא אויף דעם אופן פון דַּבֵּר אֶל "כָּל עֲדַת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל" אז אלע אידן דארפן זיין צוזאמגענומען אינאיינעם, און נאר דורכ'ן זיך האלטן צוזאמען וועט מען זוכה זיין צו קדושה און טהרה.

# פירותיך מתוקים

דברי תורה אויף פרשת השבוע און ענינא דיומא

### וְשִׁלַּח בְּיַד אִישׁ עִתִּי הַמִּדְבָּרָה

דער שעיר לעזאזל איז א מצוה צו שיקן דורך א "אִישׁ עִתִּי" א מענטש וואס איז געווען אנגעגרייט פאר דעם תפקיד שוין פון ערב יום כיפור. **דער יונגער ווארקער רבי – הרה"ק רבי מנחם מענדל זי"ע** האט געזאגט א טעם, פארוואס דארף מען נוצן דוקא איינער וואס איז שוין געווען צוגעגרייט פון נעכטן, "ווייל א איד וואס קומט זיין דער שליח צו פארגעבן די עבירות פון אידישע קינדער, דארף האבן א 'הכנה' פון פריער און מוז שוין זיין גרייט צו די עבודה פון נעכטן".

(באהלי צדיקים)

### לֹא תִשְׂנָא אֶת אָחִיךָ בִּלְבָבֶךָ

**הרה"ק רבי יחיאל מאיר פון גאסטאנין זי"ע** האט געטייטשט "לֹא תִשְׂנָא אֶת אָחִיךָ" דו זאלסט נישט פיינט האבן דיין ברודער "בִּלְבָבֶךָ" אויף דעם וואס ער האט נישט אזא גוט הארץ ווי דיר. אפילו דו זעסט א חסרון ביי יענעם, א זאך מיט וואס דו ביסט בעסער, זאלסטו איהם נישט אראפקוקן דערוועגן.

(שיח שרפי קודש)

### הוֹכֵחַ תּוֹכִיחַ אֶת עֲמִיתֶךָ

די תורה הקדושה זאגט אונז "הוֹכֵחַ תּוֹכִיחַ אֶת עֲמִיתֶךָ" ווען דו זאגסט מוסר פאר דיין חבר, זאלסטו וויסן אז באמת האסטו אויך א חלק אין זיין עבירה, ווייל אלע אידן זענען 'עֲרֵבִים' איינער פארן אנדערן, "וְלֹא תִשָּׂא **עָלָיו** חֵטְא" און וואַרף נישט די עבירה אינגאנצן אויף יענעם... און טאמער וועסטו טאקע אזוי מוסר זאגן מיט די כוונה אז דו האסט אויך א חלק אין יענעמ'ס עבירה, וועלן דיינע ווערטער זיכער פּוֹעל'ן ביי יענעם און ער וועט תשובה טוהן אין דיין זכות.

(שפת אמת)

## וְיָרֵאתָ מֵּאֱלֹקֶיךָ אֲנִי ה'

**דער אלטער רבי מרן רבינו יחיאל זי"ע,** ווען עס איז אנגעקומען צו איהם דער מוּסר-ספר **משכיל אל דל** וואס עס האט מחבר געווען דער גאון און צדיק **רבי הלל קאָלאָמייער זי"ע** (יארצייט י' אייר), איז דער אלטער רבי זייער שטארק נתלהב געווארן פונעם ספר, און ער האט געבעטן פון רבי הלל אז ער זאל איהם שיקן ארום טויזנט שטיק פון זיין ספר, צוגעבנדיג מיט זיין עניוות און יראת שמים "איך בין גרייט ארומצופאָרן פון שטאט צו שטאט און פון דאָרף צו דאָרף כדי צו פארשפרייטן דעם ספר צווישן אידן".

רבי הלל קאָלאָמייער האט טאקע געשיקט פון זיינע ספרים פארן אלטער רבי'ן זיי צו פארשפרייטן, ווי מיר געפונען אין אנהייב פונעם ספר משכיל אל דל (חלק ד' אין די אלטע מהדורות) ווי ס'איז פארהאן א בריוו וואס דער אלטער רבי זי"ע האט געשריבן צו רבי הלל אין די עשרת ימי תשובה פון יאר תרמ"ז. דער אלטער רבי שרייבט אויף רבי הלל "כבוד קדושת הרב הצדיק המפורסם פאר הדור", און צווישן זיינע ווערטער דערמאנט ער אז ער האט ענהאלטן א פערטל פון די ספרים און ער האט זיי שוין אנגעהויבן אויסצוטיילן צווישן אידן, און איך האָף אז עס וועט אנגענומען ווערן ביי די מענטשן בעזרת השם יתברך אזויווי מיין גוטע ווילן.

די המשך פונעם בריוו איז פיל מיט ענוה און צדקוּת פונעם אלטער רבי'ן ווי ער בעט זיך ביי רבי הלל אז ער זאל מתפלל זיין פאר איהם (עטליכע אויסצוגן איבערגעזעצט פון לשון הקודש):

איך בעט זייער אז איר זאלט דאווענען פאר מיר שטארק אז איך זאל זוכה זיין צו תשובה. חז"ל זאגן טאקע אז ווער עס אַנפלעקט זיינע עבירות ברבים איז א חָצוּף, אבער באהאלטנערהייט זאג איך אז איך דארף זייער זייער אנקומען צו רחמי שמים פאר א רפואת הנפש אז איך זאל זוכה זיין צו טוהן תשובה שלימה ווי מיין צובראכן הארץ באגערט... און דעריבער פאַל איך פאר איהם און איך בעט זיך אז ער זאל דאווענען פאר מיר פון די טיפענישן פון הארץ אז איך זאל זוכה זיין צו תשובה אין די טעג ווען דער אייבישטער איז נאנט, און איך בעט נאָכאַמאָל אז איר זאלט נישט טראכטן אויף מיר ווי א צדיק און א מנהיג ישראל, נאר איך זאג אויף זיך -שרייבט דער אלטער רבי זי"ע- דער מאמר החכם וואס ווערט געברענגט אין **חובת הלבבות** (שער הכניעה פרק ז') "חַטָאַי לוּ יְרִיחוּן בָּם שְׁכֵנַי אַזַי בָּרְחוּ וְרָחֲקוּ מִן גְּבוּלִי - ווען מיינע שכנים וואלטן געקענט שמעקן מיינע עבירות דעמאלטס וואלטן זיי אנטלאפן פון מיר", און דעריבער זייטס מתפלל אויף מיר ווייל איך בין באמת דער נידריגסטער פון די נידריגסטע... און דער אלטער רבי חתמ'עט זיך אונטער זיין נאמען "יחיאל בן מלכה לתשובה".

אגב, איז כדאי צו גענומען ווערן אין באַטראַכט אז דער בריוו האט דער אלטער רבי געשריבן נאכדעם וואס ער איז שוין געווען רבי פאר עלף יאר! און זיין נאמען איז געווען ברייט באקאנט אלס איינס פון די גרעסטע צדיקי הדור צו וועמען טויזנטע אידן האבן געשטראָמט. און **רבי ברוך בענדיט ליכטענשטיין,** דער זוהן פון רבי הלל קאלאמייער שרייבט צו אין די הקדמה פון משכיל אל דל, אז **דער אונסדארפער רב - הגה"צ רבי שמואל ראזנבערג זצ"ל** דער מחבר פון ספר באר שמואל, און מגדולי תלמידי הכתב סופר זי"ע, פלעגט זאגן אז יעדעס מאל מאל וואס ער קוקט אריין און ער ליינט דעם בריוו פונעם אלטער רבי זי"ע, קומט ער צו צו 'התבטלות גמור' ווי ער ווערט אינגאנצן בטל ביי זיך...

## א נקודה...

**דער חתם סופר זי"ע שרייבט אין זיינע דרשות** (לימי הספירה)**:**

**"יראת שמים" איז טייטשט זאלסט מורא האבן אזויווי השי"ת האט מורא... אזוי שטארק ווי השי"ת האט מורא כביכול מצער צו זיין אידישע קינדער, אזוי זאלסטו מורא האבן איהם מצער צו זיין.**




## אן אוצר פון ידיעות וענינים, בענינא דיומא ובפרשת השבוע

### הוי דן את כל האדם לכף זכות

אין פרשת קדושים געפונען מיר די מצוה פון "בְּצֶדֶק תִּשְׁפֹּט עֲמִיתֶךָ" אז מ'זאל שטענדיג דַן זיין א צווייטער איד לכף זכות, ווען מ'זעהט ווי איינער האט געטוהן א געוויסע מעשה וואס קען אויסעזהן ווי א שלעכטע מעשה, און מ'קען איהם חושד זיין אז ער האט ח"ו געטוהן אן עבירה, אבער אויב מ'וויל קען מען עס פארענטפערן אז ס'איז נישט ממש ווי ס'זעהט אויס און באמת האט יענער נישט געטוהן קיין עוולה, איז מען מחוייב אזוי צו טראכטן און אָננעמען, אזויווי חז"ל זאגן "הוי דן את כל האדם לכף זכות".

דער **רמב"ם** ברענגט אין הלכות תשובה (פ"ד ה"ד) אז דער איסור פון חושד זיין א צווייטן אז ער האט געטוהן א שלעכטע זאך און איהם נישט דן זיין לכף זכות איז פון די עבירות וואס זענען ח"ו מְעַכֵּב דעם מענטשן און האלטן איהם צוריק פון תשובה, וויבאלד דער ענין איז גאר לייכט ביי מענטשן אין די אויגן און זיי ווייסן ניטאמאל אז זיי האבן געזינדיגט דערמיט. ווייל ווען מ'איז חושד אן ערליכער מענטש, טראכט מען ביי זיך, וואס האב איך דען געטוהן, כ'האב דאָך נאר 'חושד' געווען און עס איז טאקע דא א חשד, אפשר האט ער יא געטוהן אן עוולה און אפשר נישט, אבער ער כאפט נישט אז דאס אליין איז אן עבירה, צו האלטן אן ערליכער מענטש פאר א בעל עבירה. און אזוי שרייבט דער **אורחות צדיקים** (שער התשובה) "והוא אינו יודע שזה **עוון גדול** שמשים אדם כשר בדעתו כבעל עבירות".

### מדה כנגד מדה פון הימל

די גמרא אין **מסכת שבת** (דף קכ"ז.) רעכנט אויס פארשידענע זאכן וואס דער וואס טוט זיי וועט זוכה זיין צו "אוכל פירותיהן בעולם הזה והקרן קיימת לו לעולם הבא" אז ער וועט באקומען די ריוח פון זיין שכר אפילו אויף די וועלט, אין צוגאב צו דעם וואס די עצם שכר וועט ער באקומען בשלימות אויף יענע וועלט, און צווישן זיי ווערט אויסגערעכנט "והדן את חבירו לכף זכות".

אין **ספר היראה** פון **רבינו יונה** שטייט אז א איד דארף דן זיין זיין חבר לכף זכות, כדי אז פון הימל זאל מען מוחל זיין זיינע עבירות און מ'זאל איהם אויך דן זיין לכף זכות. [און באמת איז אזוי משמע אין די גמרא, וויבאלד די גמרא אין מסכת שבת ברענגט א מעשה אז די תלמידים פון רבי יהושע האבן איהם אמאל דַן געווען לכף זכות ביי א געוויסע מעשה וואס זיי האבן געזעהן ביי איהם, וואס טראץ זיי וואלטן איהם געקענט חושד זיין אז ער טוט ח"ו א שלעכטע זאך, האבן זיי אנגענומען לכף זכות אז באמת איז די מעשה געווען גאנץ אנדערש ווי זיי האבן געמיינט, און רבי יהושע האט זיי שפעטער דערציילט אז אזוי איז טאקע געווען, עס איז בכלל נישט געווען קיין שלעכטס, און ער האט צוגעענדיגט מיט די ווערטער "ואתם כשם שדנתוני לכף זכות, המקום ידין אתכם לזכות" פונקט ווי איר האט מיר דן געווען לכף זכות, אזוי זאל אייך השי"ת דן זיין לכף זכות].

### מען פַסק'נט אויף זיך אליין

אין **ספרים הק'** ווערט געברענגט בשם דער **בעש"ט הק' זי"ע** אז יעדע עוולה וואס א מענטש זעהט ביי א צווייטן, איז א סימן אז ער אליין האט אויך א שייכות דערמיט, ווייל אויב וואלט ער געווען ריין פון די עבירה וואלט מען עס איהם נישט געוויזן פון הימל. נאך מער, טאקע צוליב דעם ווייל ער איז אויך אמאל נכשל געווארן אין דעם זעלבסט, האט מען פון הימל איהם יעצט צוגעשיקט אז ער זאל זעהן די עבירה ביי יענעם, און לויט ווי ער וועט יענעם דַן זיין אויף די מעשה, אזוי וועט מען זיך פירן מיט איהם, ווייל אויף זיך אליין טראכט מען געווענליך נאר גוטס, אבער ווען מ'זעהט דעם חסרון ביי יענעם דעמאלטס מִשְׁפָּטְ מען איהם און מ'רעדט אויף איהם שלעכטס. דעריבער וויל מען זעהן פון הימל אויב דער מענטש וועט דן זיין יענעם לרעה און עס באַטראַכטן ווי אן עוולה, דאן וועט מען אויך איהם אזוי פאר'מִשְׁפָּטְ'ן.



# הילולא דצדיקיא

הרה"ק

## דער רבי רבי שמעלקא פון ניקלשבורג זי"ע

יארצייט:

**א' אייר תקל"ח**

מאמר ב'

נאכדעם וואס דער **רבי רבי שמעלקא זי"ע** האט געדינט אלס רב און מרביץ תורה געווען אין אייניגע קהלות, איז ער געווארן אויפגענומען אלס רב אינעם שטאט "ניקלשבורג".

עס ווערט דערציילט, אז עס זענען געווען צוויי שטעט וועלכע האבןביידע געזוכט רבנים אין די זעלבע תקופה, איינס איז געווען פראנקפורט דמיין וואס געפונט זיך אין דייטשלאנד, און די צווייטע איז געווען ניקלשבורג וואס געפונט זיך אין מעהרן. די צוויי שטעט האבן געשיקט א פארלאנג צו די צוויי ברידער דער **ר"ר שמעלקא** און **דער הפלאה** אז זיי זאלן אָננעמען אויף זיך די רבנות אמט, און זיי זאלן מחליט זיין צווישן זיך ווער עס זאל זיין דער רב אין וועלכע שטאט. פראנקפורט דמיין איז געווען א גרויסע שטאט און א עיר ואם בישראל, און יעדער פון די צוויי ברידער האבן מכבד געווען דעם אנדערן אז ער זאל ווערן רב אינעם גרויסן שטאט, און וויבאלד זיי האבן נישט געקענט מכריע זיין די שאלה, זענען זיי געפארן צו זייער רבי'ן **דער מעזריטשער מגיד זי"ע** אז ער זאל פַּסְקְ'ענען ווער ס'זאל זיין דער רב וואו. אנקומענדיג צום מגיד, האט יעדער פון די ברידער אפגעטרויטן פארן צווייטן, און מכבד געווען דעם אנדערן אז ער זאל אריינגיין קודם. ווען דער מגיד האט מרגיש געווען וואס עס קומט פאָר, האט ער אויסגערופן "דער ניקלשבורגער רב זאל גיין ערשט וויבאלד ער איז עלטער", און פון דעם האבן זיי פארשטאנען אז דער ר"ר שמעלקא -וועלכער איז געווען עלטער- דארף זיין רב אין ניקלשבורג.

אין **ניקלשבורג** האט דאן געהערשט א געהויבענע שטימונג לכבוד די אויפנאמע פונעם נייעם רב, און אלע איינוואוינער פון גרויס ביז קליין זענען ארויסגעקומען אין די גאסן מקבל פנים צו זיין דעם **רבי רבי שמעלקא זי"ע** וואס איז דעמאלטס געקומען איבערנעמען דעם רבנות אמט. ווי נאר דער ר"ר שמעלקא איז אנגעקומען און אפגעשטיגן פון זיין וואגן, האט ער זיך געווואנדן צו די ראשי הקהילה און זיי געבעטן א בקשה, אז איידער ער וועט אויפנעמען דעם עולם און נעמען שלום פון יעדן איינעם, וויל ער קודם אריינגיין אין פריוואטע צימער און זיך איינשפאַרן דארט פאר א ווייל, און נאר נאכדעם איז ער גרייט ארויסצוקומען צום ציבור און נעמען שלום פון די מענטשן. טראצדעם וואס זיין בקשה האט אויסגעזעהן מאָדנע אין זייערע אויגן אז דער רב גייט זיך תיכף פארשפאַרן פון די מענטשן, אבער זיי האבן ערפילט זיין פאַרלאַנג, און מען האט איהם אריינגעפירט אין א צימער וואו דער רבי רבי שמעלקא האט זיך פארמאכט אויף א שטיק צייט.

זייענדיג נייגעריג צו זעהן וואס דער צדיק טוט יעצט ביי זיך אין צימער, און פארוואס קען ער נישט תיכף אויפנעמען דעם עולם, האבן זיך עטליכע מענטשן צוגעבויגן צום טיר וועלנדיג אריינקוקן און הערן וואס עס טוט זיך אינעווייניג. זייער וואונדער איז פילפאכיג געשטיגן ווען פלוצלינג הערן זיי ווי נישט קיין אנדערע נאר דער ר"ר שמעלקא רעדט צו זיך אליין, און ער טיילט אויס שבחים און לויב-ווערטער לרוב, צו... זיך אליינס. זיי הערן ווי דער רבי רבי שמעלקא זאגט "שלום עליכם רבי, שלום עליכם רבי", און דערנאך איז ער ממשיך "שלום צום נייעם רב פון ניקלשבורג" און אזוי ווייטער ווען כסדר לייגט ער צו אנדערע טיטלען און שבחים אויף זיך אליין, און ער ביקט זיך און בייגט זיך מיט אלע תנועות כאילו אנדערע מענטשן וואלטן דאס איהם יעצט געזאגט מיט א אמת און מיט הכנעה און יראת הכבוד. ענדליך נאך לענגערע צייט ווען דער רב איז פארטיג געווארן מיט די אלע לשונות, האט ער געעפנט זיין טיר און איז ארויסגעקומען נעמען שלום פון די מענטשן נארמאל, כאילו עס וואלט גארנישט פאסירט ביי איהם אין צימער מיט געציילטע מינוטן פריער.

שפעטער האט איינער פון די מענטשן זיך נישט געקענט איינהאלטן, און געפרעגט אז דער רב זאל זיי ערקלערן וואס איז געווען פשט פון זיין התנהגות אין צימער. האט דער ר"ר שמעלקא זיי מסביר געווען אזוי: די גאנצע מטרה פון די קבלת פנים און די שיינע אויפנאמע וואס איר האט געמאכט איז אלס נאר געווען כדי איר זאלט מיר קענען געבן כבוד, איך האב אבער נישט געוואלט הנאה האבן פון די כבוד וואס איך ווער צוגעטיילט, און איך האב מורא געהאט אפשר דאָך וועט מיר די כבוד אביסל באנעמען און איך וועל אנקומען צו א משהו גיאות ח"ו. דעריבער האב איך באשלאסן קודם אריינצוגיין אין א צימער און זיך אליינס אפגעבן גענוי דעם זעלבן כבוד וואס דער עולם וועט מיר שפעטער צוטיילן, און ווי יעדער פארשטייט אליין אז כבוד וואס מ'גיבט זיך אליינס אפ האט נישט קיין שום טעם און עס הייסט גאר נישט קיין כבוד, ווייל כבוד איז נאר וואס מען באקומט פון אנדערע מענטשן וואס זענען מכבד. און דעריבער האב איך זיך אליין אפגעגעבן כבוד מיט אלע לשונות און טיטלען, ביז די כבוד איז שוין געווארן אזוי פאר'מיאוס'ט אין מיינע אויגן, אז איך האב געפילט אז יעצט בין איך שוין גרייט און איך קען שוין ארויסקומען נעמען שלום פונעם ציבור, און ס'וועט שוין גארנישט אויסמאכן ביי מיר אין הארץ.

און מיט דעם האט דער רבי רבי שמעלקא געטייטשט פאר זיי די ווערטער פונעם תנא אין פרקי אבות "יהי כבוד חבירך חביב עליך כשלך" די כבוד וואס דיין חבר גיבט דיר אפ, זאל זיין ביי דיר באליבט "כשלך" אזוי ווי דיין אייגענע כבוד, ווי למשל דו שטייסט ביי זיך אין צימר און דו רעדסט צו זיך אליין, און דו זאגסט "שלום עליכם ניקלשבורגער רב, שלום עליכם רבי", אזא טעם זאל האבן ביי די כבוד וואס אנדערע מענטשן געבן דיר. (שמן הטוב)

אויך אין ניקלשבורג האט דער **ר"ר שמעלקא** ווייטער געפירט זיין הייליגע ישיבה, און טייל פון די לייבן וואס האבן געלערנט ביי איהם אין די פריערדיגע מקומות, זענען מיטגעקומען מיט איהם קיין ניקלשבורג. צווישן זיינע תלמידים וואס זענען מיטגעקומען קיין ניקלשבורג זענען געווען **הרה"ק רבי משה לייב סאסובער** און **דער רבי פון לובלין** זי"ע. אין ניקלשבורג האבן אויך געלערנט אין די ישיבה **הגאון רבי מרדכי באנעט, הרה"ק דער ר"ר מענדל'ע רימאנובער**, און **הרה"ק רבי אייזיק'ל קאלובער זי"ע**.

אין יענע תקופה האט זיך די השכלה שטארק פארשפרייט אין דייטשלאנד און אין מעהרן, און אסאך אידן זענען leider נאכגעשלעפט געווארן נאך די פרעמדע ווינטן וואס האבן געבלאזן אין יענע געגנטער. דער ר"ר שמעלקא האט פאַרלייגט גרויסע כוחות אפצוהאלטן די בייזע ווינטן, און צוליב דעם האט ער טאקע נישט געהאט קיין מנוחה פון זיינע מתנגדים וואס האבן איהם אויסגעטיילט צרות און רדיפות אויף דעם וואס ער איז זיי געשטאנען אין וועג.

אין ספר **אוהל אלימלך** ווערט דערציילט אז דער רבי רבי שמעלקא זי"ע האט זוכה געווען צו גילוי אליהו, און אליהו הנביא פלעגט זיך כסדר באווייזן צו איהם. אמאל ווען ער האט מיטגעמאכט געפערליכע צרות און רדיפות פון זיינע מתנגדים, האט זיך ארויסגעכאפט פון זיין מויל אזא קרעכץ, זאגענדיג "רבונו של עולם וואס האב איך געזינדיגט מער ווי אנדערע רבנים וואס זיצן אין זייערע קהילות מיט מנוחה און רואיגקייט?". אין יענעם טאג האט זיך אליהו הנביא נישט באוויזן צו איהם און דער ר"ר שמעלקא האט פארשטאנען אז דאס איז צוליב זיינע רייד, און דעריבער האט ער געפאַסט כדי מתקן צו זיין דאס וואס ער האט זיך מתרעם געווען און געהאט טענות ח"ו צום אייבישטער. ביז אליהו הנביא האט זיך צוריק באוויזן צו איהם און געזאגט "וויסן זאלסטו מיין קינד אז ווען דו שטעלסט זיך דאווענען, קענען מלאכים און שרפים נישט שטיין אין דיין מחיצה, און דאס איז א גזירה פון הקב"ה, און דו זאלסט נישט מהרהר זיין אויפן אייבישטער וויבאלד צדיק ה' בכל דרכיו"...

אין די הקדמה צום ספר **נזיר השם**, שרייבט דער אייניקל פונעם **רבי רבי שמעלקא זי"ע** אז אין די טאג פון זיין פטירה איז דער ר"ר שמעלקא געווען סנדק ביי צוויי ברית'ן, און דערנאך האט ער געלאזט רופן זיינע הייליגע תלמידים, און ער האט זיי געזאגט "איר זאלט וויסן אז היינט איז די טאג פון מיין פטירה", און די תלמידים האבן אנגעהויבן צו וויינען. און דער ר"ר שמעלקא האט זיי ווייטער געזאגט "איר זאלט וויסן אז איך האב די נשמה פון **שמואל הנביא**, און א סימן האט איר אז מיין נאמען איז שמואל, און איך בין א לוי אזויווי שמואל הנביא איז געווען א לוי, און שמואל איז געווען צוויי און פופציג יאר אלט ביי זיין פטרה, אזוי אויך איך בין צוויי און פופציג יאר אלט, נאר מ'רופט מיך שמעלקא, אויב וואלט מען מיר גערופן 'שמואל' דאן וואלט איך געווען ווי שמואל הנביא ממש", און זאגענדיג די ווערטער איז דער ר"ר שמעלקא נסתלק געווארן זיצענדיג אויף זיין בענקל.

# תולדותיהם של צדיקים

דאס לעבן און שאפן פון

## רבותינו הקדושים פון פרשיסחא און ווארקא

זכותם יגן עלינו

מאמר ס"א

## געדאווענט מיט די מלאכים

עס האט דערציילט הרה"צ **רבי יעקב אהרן ראבינאוויטץ אבד"ק אוסטראווא זצללה"ה** [וועלכער איז געווען א אייניקל פונעם יוד הקדוש פון פרשיסחא זי"ע] וואס ער האט אליינס געהערט פון די **רעביצין ברײנדל ע"ה** - מחברתו הטהורה פון **הרה"ק דער רבי רבי אברהם משה פון פרשיסחא זי"ע**. געווען איז דאס ווען ער איז נאך געווען א פרישער יונגערמאן, פלעגט רבי אברהם משה ארויסגיין שבועות ביינאכט אינאיינעם מיט עטליכע פון זיינע חברים פון די געהויבענע בְּנֵי-עֲלִיָּה ביים רבי רבי בונם זי"ע, און זיי האבן צוזאמען אפגעראכטן די נאכט אינעם נאנטן וואלד 'שִׁיטְקֶעס' דארט וואו רבי אברהם משה פלעגט זיך שטענדיג מתבודד זיין בינו לבין קונו.

אמאל איז געווען שבועות אינדערפרי נאכדעם וואס דער ר"ר אברהם משה זי"ע האט געפראווועט זיין עבודה בקדושה ובטהרה און געדאווענט דאס יום טוב'דיגע דאווענען, איז ער צוריקגעקומען אהיים, און ער האט דאן געבעטן פון זיין רעביצין אז זי זאל איהם געבן וויין און מזונות צו קענען קידוש מאכן. זיין רעביצין וואס האט נאכנישט געוואוסט פון זיין גרויסקייט, האט חושד געווען איר מאן אז ער האלט נאך פאַרן דאווענען, וויבאלד זי האט געוואוסט אז עס איז נישטא קיין איין בית המדרש וואס ענדיגט דאווענען אזוי פרי, און עס האט איר פאַרדראָסן אז איר מאן גייט קידוש מאכן איידער ער האט געדאווענט. איז געגאנגען זיין רעביצין און זי האט גענומען די מזונות און די וויין און עס אריינגעטראגן צו איר שוואער - צום **רבי רבי בונם** אין צימער, אזוי אז איר מאן זאל דארט גיין קידוש מאכן, און אין איינוועגס האט זי געוואלט דערמיט מרמז זיין און וויזן פאר זיין טאטע אז ער גייט קידוש מאכן פארן דאווענען.

ווי נאר זי האט אראפגעלייגט דארט די זאכן, האט דער ר"ר בונם תיכף פארשטאנען וואס זי טראכט, און ער האט איר בארואיגט און געזאגט "דארפסט נישט מורא האבן אז דיין מאן האט נאכנישט געדאווענט, וויסן זאלסטו אז ער האט געדאווענט היינט צופרי' מיט די מלאכים פון הימל בשעת זיי האבן געזאגט שירה פארן אייבישטער, און אויך האט מען איהם מבשר געווען פון הימל אז איר וועט דאס יאר געהאלפן ווערן מיט א בן זכר"... און כך הוה, אין יענעם יאר איז זיי געבוירן געווארן זייער זוהן **רבי הירש מרדכי זצללה"ה** (וועלכער איז געווען א איידים ביים אלטער רבי פון ווארקא זי"ע).

## די קולות וברקים פון מתן תורה

אגב איז כדאי צו באמערקן וואס ווערט געברענגט אין ספר **עשר נפלאות**, אז **רבי אברהם משה זי"ע** האט זיך אמאל אויסגעדרוקט זייענדיג אין פעלד אויסערן שטאט שבועות אינדערפרי' ווי זיין שטייגער כדרכו בקודש, אז ער זעהט דארט די קולות וברקים וואס די אידן האבן געזעהן בשעת מתן תורה.

## פלגי מים ירדו עיני

עס האט דערציילט הגה"ח **רבי צבי הכהן דער רב פון קאלביעל זצ"ל**, אז זיין טאטע **רבי אברהם** האט איהם דערציילט, געווען איז דאס אמאל ווען **רבי אברהם משה זי"ע** האט זיך צוריקגעקערט פון זיין טעגליכע שפאציר ביי וועלכע ער פלעגט ארויספאָרן מיט זיין וואגן, און זיך מתבודד זיין ווייט אפגעזונדערט פון מענטשן. ווען ער איז צוריקגעקומען, איז ער אריינגעקומען אין בית המדרש, און ער האט נישט באמערקט אז נאך איינער געפונט זיך דארט, און ער האט זיך געשטעלט דאווענען מעריב. דאס דאווענען איז געווען אָן קיין שום תנועה און אָן קיין שום ריר, פונדערוווייטענס האט זיך געקענט דאַכטן אז א אדם פשוט דאווענט דארט אָן קיין שום כוונה. נאכן דאווענען ווען רבי אברהם משה איז ארויס פון שוהל, איז דער מְסַפֵּר ר' אברהם צוגעגאנגען צום אָרט וואו רבי אברהם משה האט געדאווענט, און דאס פלאץ איז געווען נאַס פון טרערן וואס זענען געפלאָסן פון זיינע אויגן פון גרויס דביקות און השתפכות הנפש.

(שיח שרפי קודש)

## מרגיש געווען זיינע מחשבות

דער צדיק **הרה"ק רבי בנימין פון לובלין זי"ע** וועלכער איז נאך געווען פון די חשוב'ע תלמידים ביים **רבי'ן פון לובלין זי"ע** און ביים **יוד הקדוש פון פרשיסחא זי"ע**, און איז דערנאך געפארן צום **רבי רבי בונם זי"ע**, האט אמאל געקלערט ביי זיך אינדערהיים אין לובלין אזא מחשבה'לע: וואס קען דען א מענטש טוהן, און וואס איז ער שולדיג אויב ער זינדיגט ח"ו, מ'האט דאָך איהם אזוי באשאפן פון הימל און כמעט ווי געצווינגען צו זינדיגן, אזוווי מיר געפונען אין פסוק (מלכים א' י"ח) אין די ווערטער וואס אליהו הנביא זאגט צום באשעפער "וְאַתָּה הֲסִבֹּתָ אֶת לִבָּם אֲחֹרַנִּית" אז כביכול השי"ת האט אוועק געגייגט די הארץ פון די עובדי עבודה זרה אז זיי זאלן זינדיגן ח"ו, קומט דאָך אויס פון דעם אז מען קען קוים באשולדיגן א איד פארן זינדיגן אויב פון הימל וויל מען אזוי, און וואס וויל מען דען פונעם מענטש?!... אזא מחשבה איז איהם אדורכגעלאפן אין קאפ און ער האט זיך מתבונן געווען אין דעם געדאנק.

דערנאך ווען ער איז געפארן קיין פרשיסחא צום ר"ר בונם זי"ע (ווייזט אויס אויף ראש השנה) איז ער אנגעקומען און אדורכגעפארן אינעם וואלד שיטקעס, דארט וואו **רבי אברהם משה זי"ע** האט דאן געווײלט מיט זיין שטענדיגע עבודה. ווי נאר רבי אברהם משה זי"ע האט באמערקט דעם צדיק רבי בנימין ווי ער קומט צו פארן, רופט ער זיך אָן צו איהם, שלום עליכם רבי בנימין, און ער לייגט צו א ווערטל מיט א שמייכל "מיר האבן היינט געלערנט אין די תורה (געווען איז דאס פרשת כי תבוא) "הַשְׁקִיפָה מִמְּעוֹן קָדְשְׁךָ מִן הַשָּׁמַיִם" אז דער אייבישטער זאל אראפקוקן אויף אונז פון הימל און ער זאל אונז בענטשן, און רש"י זאגט דארט אויפן פלאץ "עָשִׂינוּ מַה שֶּׁגָּזַרְתָּ עָלֵינוּ - מיר האבן געטוהן דאס וואס דו האסט גוֹזֵר געווען אויף אונז" נו, אז פון הימל האט מען גוזר געווען אויף אונז אז מיר זאלן זינדיגן, און מיר האבן טאקע אזוי געטוהן, מיר האבן געזינדיגט"... רבי בנימין האט פארשטאנען אז דער צדיק האט מרגיש געווען זיינע מחשבות פונדערוווייטענס און האט געוואוסט גענוי דאס וואס ער האט געטראכט ביי זיך אין שטוב.

להערות וכן לקבל הגליון באי-מייל kerembeisshmiel@gmail.com